גליון 302
לך לך תשפ"ז



# דעם רבינ'ס מעשיות

לעידוד וחיזוק הלימוד והחזרה
בספה"ק סיפורי מעשיות משנים קדמוניות
שסיפר רבינו הקדוש רבי נחמן מברסלב זיע"א

## אַ קֶענִיג אִין קְלֶעם

מִיט בְּלִיצִיגֶע אוֹיגְן, אַ שְׁמֵייכְל אוֹיפְ'ן פָּנִים, אַ פְרֵיילִיךְ הַארְץ און אַ רִירְנְדֶע שְׁטִימֶע. אָט, נָאךְ לַאנְגֶע חֳדָשִׁים, דֶערְנֶענְטֶערְן מִיר זִיךְ עֶנְדְלִיךְ מִיט גְרוֹיס פְרֵייד צוּ לֶערְנֶען דִי דְרַייצְנְטֶע מַעֲשֶׂה פוּן סֵפֶר סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת - דִי לֶעצְטֶע מַעֲשֶׂה פוּן דִי "זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס". ווִי סְ'אִיז בַּאקַאנְט, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "וֶוען אִיךְ וָואלְט גָארְנִישְׁט גֶעוואוּסְט, בְּלוֹיז דִי דָאזִיגֶע מַעֲשֶׂה, וָואלְט עֶס שׁוֹין גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער חִידוּשׁ!"

דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט פוּן אַ מֶלֶךְ וָואס הָאט אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן דִי מְלוּכָה פַאר זַיין אֵיינְצִיגְסְטְן זוּן נָאךְ בַּיי זַיין לֶעבְּן, און עֶר הָאט גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה לִכְבוֹד דֶעם זוּן. אִינְמִיטְן, וֶוען דִי שָׂרִים און אַלֶע גֶעסְט זֶענֶען שׁוֹין גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, הָאט דֶער מֶלֶךְ זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט און גֶעזָאגְט פַאר זַיין זוּן:

"אַזוֹי ווִי אִיךְ בִּין אַ שְׁטֶערְן-זֶעהֶער, און אִיךְ זֶע פָארְאוֹיס אַז סְ'אִיז דִיר בַּאשֶׁערְט אַרָאפְּצוּגֵיין פוּן בֶּענְקְל, זֶע אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט אַרַיינְפַאלְן אִין יֵאוּשׁ דֶעמָאלְט וֶוען דוּ וֶועסְט פַארְלִירְן דַיין קְרוֹין; נָאר פַארְבְּלַייב בְּשִׂמְחָה!"

זוּנְטָאג אִינְדֶערְפְרִי, זֶענֶען דִי קִינְדֶער אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען פְרִי אִיבֶּערְרַאשְׁט און פְרֵיילִיךְ. וָואס אִיז הַיינְט אַנְדֶערְשׁ פוּן יֶעדְן טָאג, אַז עֶס שַׁיינְט אַזַא גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה אוֹיף זֵייעֶרֶע פְּנִימֶ'ער? הַיינְט גֵייעֶן זֵיי אַרוֹיף אַ כִּתָּה! זֵיי וַואקְסְן אוּנְטֶער! – פוּן כִּתָּה ז' צוּ כִּתָּה ח'. דָאס יָאר וֶועלְן זֵיי הָאבְּן אַלְס מְלַמֵּד רֶבִּי הִלֵּל, וָואס אִיז בַּאקַאנְט מִיט זַיין אוֹיסֶערְגֶעוֶועְנְלִיכְן טַאלַאנְט צוּ בַּאצוֹיבֶּערְן דִי קִינְדֶער מִיט דִי סוּגְיוֹת הַגְּמָרָא.

צְווִישְׁן אַלֶע קִינְדֶער אִיז שִׁמְעוֹן נָתָן גֶעוֶוען בַּאזוּנְדֶער אִיבֶּערְרַאשְׁט. אִין זַיין הַאנְט הָאט עֶר גֶעהַאלְטְן אַ הֶעפְט פַאר חִידוּשֵׁי תּוֹרָה כְּדֵי אוֹיפְצוּשְׁרַייבְּן דִי סִכּוּמִים פוּן דִי סוּגְיָא. אַ נַייעֶ בְּלוֹיעֶ פֶּענֶע אִיז גֶעוֶוען אִין זַיין טַאשׁ, בְּלַייעֶן און מֶעקֶערְס אִין זַיין קַלְמָר, און אִיבֶּער אַלֶעם: אַ שְׁטַארְקֶע רָצוֹן זִיךְ צוּ אַיינְהֶערְן צוּ רֶבִּי הִלֵּל'ס שִׁיעוּרִים. "דָאס יָאר וֶועט נִישְׁט זַיין ווִי פַארְאַיָאר," הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר זַיין מַאמֶע. "אִיךְ וֶועל פְּרוּבִּירְן צוּ הֶערְן יֶעדֶעס וָוארְט און גוּט פַארְשְׁטֵיין. אוֹיב נִישְׁט, וֶועל אִיךְ גְלַייךְ פְרֶעגְן רֶבִּי הִלֵּל..."

אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען. עֶס זֶענֶען אַרִיבֶּער אַ וָואךְ, און צְוֵויי וָואכְן. שְׁרוּלִיקְ'ס צֵייכֶענֶעס זֶענֶען גֶעוֶוען וואוּנְדֶערְבַּאר. עֶר הָאט גֶעהַאט פִיל הַצְלָחָה און סִיפּוּק. עֶר אִיז גֶעשְׁטִיגְן אוֹיפְ'ן לֵייטֶער פוּן הַצְלָחָה אִין גְּמָרָא און עֶר הָאט זִיךְ מְחַיֶּה גֶעוֶוען דֶערְמִיט. זַיינֶע חֲבֵרִים הָאבְּן גֶעזוּכְט צוּ זַיין זַיין חַבְרוּתָא, און גֶעבּוֹיט מִיט אִים פַיינֶע קְשָׁרִים. צוּלִיב זַיין גְרוֹיס הַצְלָחָה, זֶענֶען חֲבֵרִים גֶעקוּמֶען כַּאפְּן אַ פִינְק פוּן זַיין בְּרֶענֶענְדִיגְן הִתְלַהֲבוּת. שְׁרוּלִיק אִיז גֶעוָוארְן דֶער אַדְרֶעס פַאר שְׁאֵלוֹת. אִיבֶּער אַלֶעם הָאבְּן דִי חֲבֵרִים הֲנָאָה גֶעהַאט פוּן דִי גָאלְדֶענֶע שׁוּרוֹת אִין זַיינֶע סִכּוּמִים, וואוּ אַלֶעס אִיז גֶעוֶוען קְלָאר און מְסוּדָר: אַ קַשְׁיָא מִיט אַ תִּירוּץ, אַ שְׁאֵלָה מִיט אַ תְּשׁוּבָה.

און דֶעמָאלְט אִיז עֶס גֶעשֶׁען. אַ קְלוּגֶע און כִיטְרֶע אִינְגְל, אוֹיפְגֶעגֶעסְן פוּן קִנְאָה, הָאט גֶעפוּנֶען אַ טָעוּת אִין אֵיינֶע פוּן דִי שׁוּרוֹת אִין זַיין הֶעפְט. עֶר אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ שְׁרוּלִיק מִיט אַ טַעֲנָה: "דָאס אִיז אַ גְרַייז! דוּ בִּיסְט אִינְגַאנְצְן נִישְׁט מְדַייֵק!" דָאס אִינְגְל הָאט זִיךְ אַרוּמְגֶעדְרֵייט און אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אַ שְׁלֶעכְט נָאמֶען אוֹיף אִים, עֶר הָאט גֶעהַאלְטְן אִין אֵיין אַרַיינְוַוארְפְן זַיין נָאמֶען צְווִישְׁן דִי קִינְדֶערְ'ס שְׁמוּעֶסֶערַייעֶן און זֵיי גֶעוָוארְנְט: "שְׁרוּלִיק? עֶר אִיז נִישְׁט אַזַא תַּלְמִיד חָכָם ווִי מֶען מֵיינְט!"

שְׁרוּלִיקְ'ס הַארְץ אִיז צֶעשָׁאסְן און צֶעפִּיצְלְט גֶעוָוארְן אוֹיף טוֹיזְנְטֶער שְׁטִיקֶער. אִין אֵיין רֶגַע אִיז אַלֶעס פַארְלָאשְׁן און פַארְבְּרֶענְט גֶעוָוארְן. נִישְׁטָא קֵיין חֵשֶׁק – אִיז נִישְׁטָא קֵיין הַצְלָחָה. נִישְׁטָא קֵיין שִׂמְחָה – אִיז נִישְׁטָא קֵיין לֶערְנֶען.

אִין אַ וֵוייטָאגְלִיכְן שְׁמוּעֶס הָאט עֶר דָאס דֶערְצֵיילְט פַאר זַיין טַאטֶע. און זַיין טַאטֶע הָאט אִים פָּשׁוּט גֶעעֶפְנְט דִי מַעֲשֶׂה און אִים אַנְטְפְּלֶעקְט דֶעם סוֹד: "אַזוֹי גֵייט עֶס. יֶעדֶער אֵיינֶער פַאלְט צוּמָאל אַרָאפּ פוּן זַיין בֶּענְקְל. וֶוער עֶס וֵוייסְט ווִיאַזוֹי צוּ בְּלַייבְּן פְרֵיילִיךְ אֲפִילוּ אִין שְׁוֶוערֶע צַייטְן און דוּרְכְפֶעלֶער, און זִיךְ מְחַזֵּק זַיין אֲפִילוּ וֶוען זַאכְן גֵייעֶן נִישְׁט ווִי גֶעוואוּנְטְשְׁן, דֶער אִיז רָאוּי אַז דִי מְלוּכָה זָאל זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּ אִים גָאר בְּקָרוֹב. שְׁטַארְק זִיךְ אִין דַיין מַצָּב, שְׁרוּלִיק! אַזוֹי וֶועסְטוּ מַצְלִיחַ זַיין און שְׁטַייגְן הֶעכֶער און הֶעכֶער."



# סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת

## מַעֲשֶׂה י"ג - דִי זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס (1)

**מַעֲשֶׂה אַמָאל אִיז גִיוֶועןאַ מֶלֶךְ,** דֶער מֶלֶךְ הָאט גִיהַאט אַ בֵּן יָחִיד, הָאט דֶער מֶלֶךְ גִיוָואלְט אָפְּגִיבְּן דִי מְלוּכָה זַיין זוּן בְּחַיָּיו (דְהַיְינוּ פַאר זַיין לֶעבְּן) הָאט עֶר גִימַאכְט אַ גְרוֹיסְן בַּאל. אוּן וֶוען דֶער מֶלֶךְ מַאכְט אַ בַּאל אִיז בְּוַודַאי זֵייעֶר פְרֵילֶעךְ. בִּפְרַט הַיינְט, וָואס עֶר הָאט אָפְּגִיגִיבְּן דִי מְלוּכָה זַיין זוּן בַּאם לֶעבְּן. אִיז אַ וַודַאי גִיוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה.




**אוּן סֶע אִיז דָארְט גִיוֶוען אוֹיף דֶעם בַּאל** אַלֶע שָׂרֵי מְלוּכָה. אוּן אַלֶע דוּכְּסִים אוּן אַלֶע שְׂרָרוֹת. אוּן מֶע אִיז זֵייעֶר פְרֵיילֶעךְ גִיוֶוען אוֹיף דֶעם בַּאל.

**אוּן דִי מְדִינָה הָאט אוֹיךְ הֲנָאָה גִיהַאט** פוּן דֶעם וָואס דֶער מֶלֶךְ גִיט אָפּ דִי מְלוּכָה זַיין זוּן בַּאם לֶעבְּן. וָוארְן סֶע אִיז אֵיין גְרוֹיסֶער כָּבוֹד דֶעם מֶלֶךְ. אוּן סֶע אִיז דָארְט זֵייעֶר אַ שִׂמְחָה גִיוֶוען. אוּן סֶע אִיז דָארְט גִיוֶוען אַלֶערְלֵיי זַאכְן פוּן שִׂמְחָה. קַאפֶּעלְיֶיעס אוּן קָאמֶעדְיֶיעס אוּן דֶעסְט גְלַייכְן, אוּן אַלְדִינְג וָואס סֶע נִיצְט נָאר צוּ שִׂמְחָה, אִיז אַלְץ דָארְט גִיוֶוען אוֹיף דֶעם בַּאל.

**אַז זֵיי זֶענֶען שׁוֹין זֵייעֶר פְרֵיילֶעךְ גִיוָוארְן,** הָאט זִיךְ דֶער מֶלֶךְ אוֹיף גִישְׁטֶעלְט, אוּן הָאט גִיזָאגְט צוּם זוּן, בַּאֲשֶׁר אִיךְ בִּין אַ שְׁטֶערְן זֶעהֶער, זֶע אִיךְ אַז דוּ וֶועסְט אַמָאל אַרָאפּ פוּן דֶער מְלוּכָה, בְּכֵן זָאלְסְטוּ זֶעהְן אַז דוּ זָאלְסְט נִיט הָאבְּן קֵיין עַצְבוּת (דְהַיְינוּ קֵיין טְרוֹיעֶרִיקַייט) אַז דוּ וֶועסְט אַרָאפּ פוּן דֶער מְלוּכָה, נָאר דוּ זָאלְסְט פְרֵיילֶעךְ זַיין. אוּן אַז דוּ וֶועסְט פְרֵיילֶעךְ זַיין וֶועל אִיךְ אוֹיךְ פְרֵיילֶעךְ זַיין,

**אַפִילוּ אַז דוּ וֶועסְט הָאבְּן עַצְבוּת,** וֶועל אִיךְ אוֹיךְ פְרֵיילֶעךְ זַיין, וָואס דוּ בִּיסְט קֵיין מֶלֶךְ נִיט, וָוארְן דוּ קֶערְסְט זִיךְ קֵיין מֶלֶךְ נִיט צוּ זַיין, וָוארְן דוּ בִּיסְט זִיךְ נִיט פְרֵיילֶעךְ. (כְּלוֹמֶר אַז דוּ בִּיסְט אַזוֹי אֵיין מֶענְטְשׁ וָואס דוּ קָאנְסְט דִיךְ נִיט דֶערְהַאלְטְן אַז דוּ זָאלְסְט תָּמִיד פְרֵיילֶעךְ זַיין אַפִילוּ אַז דוּ גֵייסְט אַרָאפּ פוּן דֶער מְלוּכָה, קֶערְסְטוּ נִיט זַיין קֵיין מֶלֶךְ) לוּשְׁמִיר אַז דוּ וֶועסְט פְרֵיילֶעךְ זַיין, וֶועל אִיךְ מְשׁוּנֶה פְרֵיילֶעךְ זַיין.

**הָאט דֶער בֶּן מֶלֶךְ אָפְּגִינוּמֶען דִי מְלוּכָה זֵייעֶר שַׁארְף.** אוּן עֶר הָאט זִיךְ גִימַאכְט שָׂרֵי מְלוּכָה. אוּן הָאט גִיהַאט דוּכְּסִים אוּן שָׂרִים אוּן חַיִל. אוּן דֶער בֶּן מֶלֶךְ אִיז גִיוֶוען אַ חָכָם, אוּן עֶר הָאט זֵייעֶר לִיבּ גִיהַאט חָכְמָה. אוּן סֶע אִיז בַּיי אִיהם גִיוֶוען גְרוֹיסֶע חֲכָמִים.

**אוּן וֶוער סֶע אִיז צוּ אִיהם גִיקוּמֶען מִיט עֶפֶּעס** אַ חָכְמָה, אִיז עֶר בַּיי אִיהם זֵייעֶר חָשׁוּב גִיוֶועזְן. אוּן עֶר פְלֶעגְט זֵיי גִיבְּן גְרוֹיס כָּבוֹד אוּן עֲשִׁירוּת פַאר דֶער חָכְמָה.

וָואס אִיטְלִיכֶער הָאט גִיוָואלְט הָאט עֶר אִיהם גִיגִיבְּן. אֵיינֶער הָאט גִיוָואלְט גֶעלְט, הָאט עֶר אִים גִיגִיבְּן גֶעלְט. אֵיינֶער הָאט גִיוָואלְט כָּבוֹד, הָאט עֶר אִיהם גִיגִיבְּן כָּבוֹד. אַלְץ פַאר דֶער חָכְמָה.

**אוּן מַחְמַת סֶע אִיז בַּיי אִיהם זֵייעֶר חָשׁוּב גִיוֶועזְן חָכְמָה.** הָאבְּן זֵיי זִיךְ אַלֶע גִינוּמֶען צוּ חָכְמָה, אוּן דִי גַאנְצֶע מְדִינָה הָאט עוֹסֵק גִיוֶועזְן אִין חָכְמוֹת. וָוארְן דֶער הָאט גִיוָואלְט גֶעלְט. כְּדֵי עֶר זָאל נֶעמֶען גֶעלְט דֶערְפַאר. אוּן דֶער הָאט גִיוָואלְט חֲשִׁיבוּת אוּן כָּבוֹד.

**אוּן מַחְמַת זֵיי הָאבְּן אַלֶע עוֹסֵק גִיוֶועזְן נָאר אִין חָכְמוֹת** אִיבֶּער דֶעם הָאבְּן זֵיי דָארְט אִין דֶער מְדִינָה פַארְגֶעסְן תַּכְסִיסֵי מִלְחָמָה (כְּלוֹמֶר וִוי אַזוֹי אַ מִלְחָמָה צוּ פִירְן) וָוארְן זֵיי הָאבְּן אַלֶע עוֹסֵק גִיוֶועזְן נָאר אִין חָכְמוֹת.

**בִּיז דֶער קְלֶענְצְטֶער פוּן דֶער מְדִינָה.** אִיז גִיוֶועזְן דֶער גְרֶעסְטֶער חָכָם אִין אֵיין אַנְדֶערֶע מְדִינָה. אוּן דִי חֲכָמִים פוּן דֶער מְדִינָה זֶענֶען גִיוֶועזְן זֵייעֶר וִוילְד גְרוֹיסֶע חֲכָמִים. וּמַחְמַת דִי חָכְמוֹת, זֶענֶען דִי חֲכָמִים פוּן דֶער מְדִינָה אַרַיין גִיפַאלְן אִין אַפִּיקוֹרְסוּת אַרַיין.

**אוּן הָאבְּן דֶעם בֶּן מֶלֶךְ** אוֹיךְ אַרַיין גִיצוֹיגְן אִין אַפִּיקוֹרְסוּת אַרַיין. לוּשְׁמִיר דֶעם פְּרָאסְטְן עוֹלָם הָאט דָאס נִיט גִישַׁאט, זֵיי זֶענֶען נִיט אַרַיין גִיפַאלְן אִין דֶעם אַפִּיקוֹרְסוּת אַרַיין.

**וָוארְן סֶע גִיוֶועזְן אַ גְרוֹיס טִיפְקַייט** אִין זֵייעֶר חָכְמָה פוּן דִי חֲכָמִים. הָאט דֶער פְּרָאסְטֶער עוֹלָם נִיט גִיקָאנְט אַרַיין גֵיין אִין זֵייעֶרֶע חָכְמוֹת. אִיבֶּער דֶעם הָאט עֶס זֵיי נִיט גִישַׁאט. נָאר דִי חֲכָמִים אוּן דֶער בֶּן מֶלֶךְ זֶענֶען אַפִּיקוֹרְסִים גִיוָוארְן.

**אוּן דֶער בֶּן מֶלֶךְ מַחְמַת סֶע אִיז אִין אִיהם גִיוֶועזְן טוֹב,** וָוארְן עֶר אִיז גִיבּוֹירְן גִיוָוארְן מִיט טוֹב, אוּן עֶר הָאט גִיהַאט גוּטֶע מִדוֹת. פְּלֶעגְט עֶר זִיךְ צוּ דֶערְמַאנֶען אַלֶע מָאל, וואוּ בִּין אִיךְ אִין דֶער וֶועלְט. וָואס טוּה אִיךְ. אוּן פְּלֶעגְט זֵייעֶר אַ גְרוֹיסְן קְרֶעכְץ טָאן, אוּן פְּלֶעגְט זֵייעֶר זִיפְצְן דְרוֹיף.

**עֶר פְּלֶעגְט זִיךְ דֶערְמַאנֶען,** וָואס טַייטְשׁ אִיךְ זָאל פַארְגֵיין אִין אַזוֹינֶע זַאכְן, וָואס טוּט זִיךְ מִיט מִיר, וואוּ בִּין אִיךְ אִין דֶער וֶועלְט, אוּן פְּלֶעגְט זֵייעֶר זִיפְצְן. לוּשְׁמִיר תֵּיכֶף וִוי בַּאלְד עֶר הָאט אָנְגִיהוֹיבְּן צוּ נִיצְן מִיט זַיין שֵׂכֶל, אִיז ווִידֶער בַּיי אִיהם שְׁטַארְק גִיוָוארְן דִי חָכְמוֹת פוּן אַפִּיקוֹרְסוּת.

**אוּן אַזוֹי אִיז גִיוֶועזְן כַּמָה פְּעָמִים,** וָואס עֶר פְּלֶעגְט זִיךְ אַלְץ צוּ דֶערְמַאנֶען וואוּ אִיז עֶר אִין דֶער וֶועלְט, וָואס טוּט עֶר וְכוּ' כַּנַ"ל. אוּן פְּלֶעגְט קְרֶעכְצְן אוּן זִיפְצְן. נָאר תֵּיכֶף וִוי עֶר הָאט אָנְגִיהוֹיבִּין צוּ נִיצְן מִיט דֶעם שֵׂכֶל, אִיז בַּיי אִיהם ווִידֶער שְׁטַארְק גִיוָוארְן דָאס אַפִּיקוֹרְסוּת כַּנַ"ל.

נאמען: ____________

# לאמיר זיין פארהערן



## די דרייצנסטע מעשה - די זיבן בעטלערס (1)

**א.** שאלת חכמה: אין וועלכע חודש האט דער רבי אנגעהויבן דערציילן די מעשה? (עיין ימי מוהרנ"ת אות מ"ב)

- ❑ אלול
- ❑ אדר
- ❑ סיון

**ב.** **פארוואס האט דער קעניג געמאכט א סעודה?**

- ❑ ווייל ער האט געזיגט א מלחמה
- ❑ ווייל ער האט איבערגעגעבן די מלוכה פאר זיין זוהן
- ❑ לכבוד זיי געבורטס'טאג

**ג.** **וועלכע זאכן פון שמחה איז דארטן געווען?**

- ❑ קאפעליעס
- ❑ קאמעדייעס
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ד.** **וואס זאגט ער פאר זיין זוהן צו טוהן ווען ער וועט אראפ פון דער מלוכה?**

- ❑ אנטלויפן פון די מדינה
- ❑ ער זאל נישט לאזן א צווייטן זיין א מלך
- ❑ ער זאל זיין פריילך

**ה.** **וואס האט דער בן המלך זייער ליב געהאט?**

- ❑ צו שיכורי'ן
- ❑ אסאך כבוד
- ❑ חכמה

**ו.** **וואס האט דער קעניג געגעבן פאר א חכמה?**

- ❑ געלט
- ❑ כבוד
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ז.** **וואס האט מען פארגעסן אין די מדינה?**

- ❑ זייער לערנען
- ❑ תכסיסי מלחמה
- ❑ זייער חכמה

**ח.** **וואס האט פאסירט צום בן המלך און צו די גרויסע חכמים?**

- ❑ זיי זענען אריינגעפאלן אין אפיקורסות
- ❑ זיי זענען שוואך געווארן
- ❑ זיי האבן זיך געשטארקט אין עבודת השם

**ט.** האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?

- ❑ יא
- ❑ ניין
- ❑ א חלק



## טיפער געטראכט

ביי וועלעכע נאך מעשה דערציילט דער רבי אויף א מלך וואס האט געהאט א בן יחיד און האט אים אפ גיגעבין די מלוכה ?

ביי וועלעכע נאך מעשה שטייט "ווי בין איך אין דער וועלט" ?

## תשובות אויף די מעשה פון דער בעל תפילה (18)

### וויפל מאל ווערט דערמאנט "תורה" אין די מעשה פון דער בעל תפילה ? 4 מאל

אִיז דֶער בַּעַל תְּפִלָּה גִיקוּמֶען צוּ אֵיין שׁוֹמֵר. אוּן הָאט אָנְגִיהוֹיבִּין מִיט אִים צוּ שְׁמוּסִין פוּן דֶעם תַּכְלִית. בַּאֲשֶׁר אַז דֶער עִיקָר תַּכְלִית אִיז נָאר גָאטְס דִינְסְט. **תּוֹרָה** אוּן תְּפִלָּה אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים

דֶערְנָאךְ אִיז דֶער בַּעַל תְּפִלָּה אַרַיין גִיגַאנְגֶען אִין שְׁטָאט אַרַיין... נָאר דֶער עִיקָר תַּכְלִית אִיז אַז מֶען זָאל נָאר עוֹסֵק זַיין אִין **תּוֹרָה** אוּן תְּפִלָּה

הָאט דֶער בַּעַל תְּפִלָּה מִיט זֵיי **גִילֶערִינְט**. אוּן הָאט זֵיי גִיעֶפִינְט דִי אוֹיגִין

אוּן זֵיי הָאבִּין אַלֶע עוֹסֵק גִיוֶוען נָאר אִין **תּוֹרָה** אוּן תְּפִלָּה אוּן תְּשׁוּבָה אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים


דעם רבינ'ס מעשיות

לְהִתְוַדֵּעַ וּלְהִגָּלוֹת אַז אִיטְלֶעכְס וָוארְט וָואס דָא שְׁטֵייט אִין דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר, אִיז 'קוֹדֶשׁ־קָדָשִׁים', לוֹטֶער 'סוֹדוֹת־הַתּוֹרָה'. מֶען זָאל נִישְׁט מֵיינֶען: "אַז דָאס זֶענֶען חַס־וְשָׁלוֹם פְּרָאסְטֶע מַעֲשִׂיּוֹת"!

צו ענטפערן בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5333372 צו באקומען דעם גליון אין מייל- m025345040@gmail.com